**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/13/2024

## גאווארנער HOCHUL (האקול), מאיאריטעט פירער SCHUMER (שומער) און סענאטאר GILLIBRAND (גיליברענד) געבן איבער 140 מיליאן דאלאר פאר קאנעקטאל מיוניסיפל אינפראסטרוקטור גרענטס צו ברענגען ביליגע שנעלע בראודבענד צו מער ווי 60,000 הייזער און ביזנעסער

***פינאנצירונג צו שטיצן איבער 1,200 מײלן פון נייע פאבליק בראודבענד אינפראסטרוקטור***

***ConnectALL פאנגט אן אינטעראקטיוו בעטא (Beta) [דעשבאורד](#) צו טרעקן בראודבענד פארברייטערונג פארשריט לענגאויס אפסטעיט ניו יארק ראיאנען***

***פירט ווייטער גאווארנער Hochul's (האקול) 1 ביליאן דאלאר ConnectALL איניציאטיוו צו פארזיכערן ביליגע, פארלעסליכע בראודבענד פאר יעדע ניו יארקער***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול), מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) און סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען גיליברענד) האבן היינט געמאלדן איבער 140 מיליאן דאלאר אין אווארדס פון די ConnectALL מוניסיפל אינפראסטרוקטור גרענט ( Municipal Infrastructure Grant) פראגראם צו פארברייטערן בראודבענד אינפראסטרוקטור דורכאויס צענטראל ניו יארק, די פינגער לעיקס, מאהאווק וועלי, נארט קאנטרי, מיד-הודסאן און מערב ניו יארק ראיאנען. די פאבליק-פריוואטע פארטנערשאפט וועט פירן צו די קאנסטראקשן פון מער ווי 1,200 מײלן פון פאבליק-אייגנטום פייבער אפטיק אינפראסטרוקטור און דראטלאזע האבס, פארבינדנדיג איבער 60,000 הייזער און ביזנעסער מיט ביליגע, סימעטריק סערוויס - צושטעלנדיג גלייכע דאונלאוד און אפלאוד שנעלקייטן אויף ראטעס אונטער די ראיאנישע דורכשניט. די זעקס נייע גרענטס בויען אויף פריערדיגע אווארדס, ברענגענדיג די פראגראמ'ס סך הכל צו 214,7 מיליאן דאלאר, פינאנצירט מערסטנס דורך די טרעזשורי דעפארטמענט'ס קאפיטל פראיעקטן פאנד (Treasury Department’s Capital Projects Fund). אלעס צוזאמען, שטיצט די פראגראם יעצט איבער 2,000 מײל פון בראודבענד אינפראסטרוקטור, דערגרייכנדיג מער ווי 87,000 הייזער און ביזנעסער לענגאויס די סטעיט.

"היינט ווערט אפגעצייכנט א טראנספארמאטיווע שריט פאראויס אין אונזער מיסיע צו פארבינדן יעדע ניו יארקער צו ביליגע, שנעלע אינטערנעט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך אינוועסטירן איבער 140 מיליאן דאלאר אין פאבליק בראודבענד אינפראסטרוקטור לענגאויס זעקס ראיאנען, לייגן מיר נישט נאר פייבער אפטיק קעיבלס - מיר בויען בריקן צו בילדונג, העלט קעיר, עקאנאמישע געלעגנהייט און רייכטום. מיט אונזער נייע אינטעראקטיווע דעשבאורד, קענען ניו יארקערס יעצט נאכקוקן אונזער פארשריט ווען מיר ארבעטן צו פארזיכערן אז קיין איין קאמיוניטי ווערט נישט אויסגעלאזט אין אונזער דיגיטאלע צוקונפט."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "צוטריט צו שנעלע אינטערנעט איז נישט א לוקסוס, נאר א נויטווענדיגקייט, א וויכטיגע געברויך ווי עלעקטריק פאר יעדן טאג לעבן. היינט, נעמט אפסטעיט ניו יארק א גרויסע שריט פאראויס צו פארמאכן די דיגיטאלישע צוטיילונג. איך בין שטאלץ צו געבן 140 מיליאן דאלאר צו העלפן פארברייטערן בראודבענד אינפראסטרוקטור צו שטיצן ביליגע, שנעלע אינטערנעט צוטריט פאר 60,000 הייזער און ביזנעסער לענגאויס אפסטעיט ניו יארק. דאס וועט העלפן קאמיוניטיס אין יעדע ווינקל פון אפסטעיט ניו יארק פון די סיטי אוו דשעימסטאון צו דערפישע טיילן פון שאהארי (Schoharie), ארלעאנס און סוליוואן קאונטי. עס וועט העלפן פאמיליעס בלייבן פארבינדן צו בילדונג, צו העלטקעיר, עקאנאמישע געלעגנהייט און צווישן זיך. ווען איך האב געפירט די אמעריקאנע רעטונג פלאן און בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דשאבס געזעץ (American Rescue Plan and Bipartisan Infrastructure & Jobs Law) עס דורכצופירן, האב איך זיכער געמאכט אז עס איז דא פינאנצירונג פאר לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונגען אזוייוי דעם וואס וועט שאפן גוט-צאלנדע ארבעט-געלעגנהייטן צו העלפן בויען די 21סטע יאר-הונדערט אינפראסטרוקטור וואס נויטיג צו מאכן שנעלע אינטערנעט דערגרייכן ווינקלען פון די סטעיט אפגעזען פון די זיפ-קאוד. איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul's (האקול) ארבעט ווען זי נוצט די פעדעראלע געלטער צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקערס באקומען די גערעכטע צוטריט צו די אינטערנעט וואס קומט זיך זיי."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען גיליברענד) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע ניו יארקער ביליגע, שנעלע אינטערנעט, אפגעזען פון וואו זיי וואוינען. די שטארקע אינוועסטירונג אין פאבליק בראודבענד אינפראסטרוקטור וועט העלפן פארבינדן ניו יארקערס צו רימאוט (remote) ארבעט געלעגנהייטן, טעלעהעלט אפוינטמענטס און אנליין בילדונג פראגראמען, ברענגענדיג אונזער סטעיט איין טריט נענטער צו פארמאכן די דיגיטאלישע אונטערשייד איינמאל פאר אלעמאל. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן פארזיכערן די וויכטיגע פינאנצירונג דורך די *אמעריקאנע רעטונג פלאן אקט ( American Rescue Plan Act)*, און איך וועל ווייטער ארבעטן צו פארברייטערן פארלעסליכע אינטערנעט צוטריט לענגאויס אונזער סטעיט."

צו שטיצן טרענספענסי און פאבליק פארבינדונג, האט ConnectALL אויך אנגעפאנגען א בעטא ווערסיע פון איר אינטעראקטיווע פראיעקט דעשבאוד, ערמעגליכנדיג באנוצער צו זען פלעצער און הויפט דעטאלן פאר יעדע בראודבענד פראיעקט. די דעשבאוד, ערמעגליכט דא,וועלן ווייטער פארברייטערן מיט נייע פעהיגקייטן און אינפארמאציע אויף נאך גרענט אווארדס לענגאויס אלע ConnectALL פראגראמען.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "פארברייטערן בראודבענד איז נויטווענדיג פאר די צוקונפט פון אונזערע קאמיוניטיס און די לעבהאפטיגקייט פון אונזער עקאנאמיע. דורך סטראטעגישע פאבליק-פריוואטע פארטנערשאפן, פארברייטן מיר נישט נאר קריטישע בראודבענד אינפראסטרוקטור נאר אויך שטיצן אויך קאנקורענץ, נידערן קאסטן און שאפן א גרינדונג פאר אינאוואציע. די אינוועסטירונגען וועלן טוישן קאמיוניטיס פון די פינגער לעיקס צו די נארט קאונטרי, פארזיכערנדיג אז שנעלע אינטערנעט ווערט א פונדאמענטאלע און מעגליכע צוצוקומען ווי סיי וועלכע אנדערע פאבליק געברויך."

פינאנצירונג פאר ConnectALL's מוניציפל אינפראסטרוקטור פראגראם איז געגעבן געווארן דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אוו די טרעזשורי אונטער די אמעריקאנע רעטונג פלאן'ס קאפיטל פראיעקטן פאנד. בראודבענד אינפראסטרוקטור אין די מוניציפל אינפראסטרוקטור פראגראם וועט זיין די אייגנטום פון א פאבליק פאראיין אדער קאנטראלירט דורך'ן פאבליק. אינטערנעט סערוויס פראוויידערס וועלן נוצן די נייע בראודבענד אינפראסטרוקטור צוצושטעלן ניו יארקערס מיט ביליגע, שנעלע קוואליטעט סערוויס געלעגנהייטן.

די וואס האבן לעצטנס באקומען אווארדס פון די מוניציפל אינפראסטרוקטור פראגראם נעמען אריין:

- **ארלעאנס קאונטי (פינגער לעיקס) - 11 מיליאן דאלער:** ארלעאנס קאונטי וועט נוצן 11 מיליאן דאלער אין MIP געלטער צו פארברייטערן די דראטלאזע אינטערנעט נעטווערק צו סערווירן מער ווי 11,000 לאקאציעס מיט 100/100 Mbps שנעלקייט. די פראיעקט וועט בויען אויף א סוקסעספולע דראטלאזע אינטערנעט פראיעקט וואס די קאונטי האט אנגעפאנגען אין 2020 מיט RTO Wireless, דורך איינשטעלן 21 דראטלאזע האבס אויף עקזיסטירנדע און נייע טורעמס. די קאונטי וועט זיין אין אייגנטום פון די נעטווארק, וועלכע RTO Wireless וועט אויסשטעלן, בויען, מעינטעינען און אפערירן. די טורעמס וועלן זיין אפן צו פארדינגען און אנדערע oISP. די קאונטי וועט אויך פארברייטערן איר פארטנערשאפט מיט די United Way צוצושטעלן דיגיטאלישע קענטעניס טרענירונג און קאמיוניטי אוטריטש, אדרעסירנדיג די אדאפטירונג אפהאלט צווישן נידריג-איינקונפט הויזגעזינד. די פראיעקט אדרעסירט די שוועריקייט פון צושטעלן שנעלע אינטערנעט אין דערפישע געגנטער מיט א קליינע באפעלקערונג פון 103 מענטשן פער סקווער מייל. די קאונטי'ס נייסטע דראטלאזע לעזונג, צוזאמען מיט שטארקע קאמיוניטי פארטנערשאפטן, שטעלט צו א קאסט-עפעקטיווע אלטערנאטיוו צו פייבער נעטווארקס, שטיצנדיג דיגיטאלישע גלייכקייט און פארבעסערן פארבינדונג פאר איינוואוינער, ביזנעסער, בילדונג און די אגריקולטורישע קאמיוניטי.

- **בראודבענד פאר שאהארי קאונטי (מאהאווק וועלי) - 30 מיליאן דאלער:** די בראודבענד פאר שאהארי קאונטי פראיעקט וועט בויען 298 מיילן פון פייבער צו פארבינדן מער ווי 4,000 לאקאציעס, אריינרעכענענדיג א באדייטנדע צאל פון די נישט-סערווירטע לאקאציעס אין די קאונטי. די נייע אינפראסטרוקטור וועט דערגרייכן די מערסט דארפישע און שווער-צו-דערגריין געגנטער פון די קאונטי. די קאונטי וועט זיך צוזאמשטעלן מיט MIDTEL, וואס האט סערווירט קאסטומערס אין די קאונטי פאר איבער 125 יאר. די אינפראסטרוקטור וועט זיין די אייגנטום פון די קאונטי און וועט נוצן MIDTEL'ס עקספערטיז צו בויען און אפערירן די נעטווארק. די נעטווארק וועט זיין אפענע-צוטריט, מיט אינטערקאנעקשן פלעצער ביי MIDTEL'ס צענטראלע אפיס און ביי צוויי אגרעגעישן פלעצער צוטיילט ארום די קאונטי. די איניציאטיוו וועט מאכן סערוויס מעגליך מיט פרייזן פיל נידריגער ווי די קאונטי דורכשניט מיט די ציל צו פארבעסערן בילדונג, העלט און ארבעט רעזולטאטן באזונדער אין נידריג-איינקונפט געגנטער פון די קאונטי.

- **צענטראל ניו יארק ראיאנישע פלאנירונג און דעוועלאפמענט באורד (צענטראל ניו יארק) - 26 מיליאן דאלער:** די צענטראל ניו יארק ראיאנישע פלאנירונג און דעוועלאפמענט באורד וועט אוועקשטעלן CNYNET, א ראיאנישע אפענע-צוטריט פייבער נעטווארק צו סערווירן 6,671 לאקאציעס אין די קאונטיס פון קאיוגא און קארטלאנד. די באורד האט דורכגעפירט א בראודבענד אינפראסטרוקטור שטודיע אין 2021 צו אנטוויקלען די נעטווארק דיזיין, וועלכע שטעלט צו די בעסטע געלעגנהייט צו פארברייטערן באנוצער אויסוואל צו נישט-סערווירטע לאקאציעס און ארומיגע געגנטער אין די צוויי קאונטיס. די באורד וועט מאכן CNYNET, אינק., אלס א נאן-פראפיט לאקאלע דעוועלאפמענט קארפאראציע צו זיין אין אייגנטום און פירן די נעטווארק. Empire Access וועלן אפערירן די נעטווארק און דעליווערן רעזידענשל אינטערנעט סערוויס איבער די נעטווארק. קאיוגא און קארטלאנד קאונטיס וועלן צושטעלן 7 מיליאן דאלער און 3 מיליאן דאלער צו די טאטאלע פראיעקט בודשעט פון 36.2 מיליאן דאלער.

- **פרענקלין קאונטי (נארט קאונטי) - 13.1 מיליאן דאלאר:** פרענקלין קאונטי וועט פארבינדן נישט-סערווירטע לאקאציעס נוצנדיג פייבער-צו-היים און Next Generation Fixed-Wireless לעזונגען. די קאונטי שטעלט זיך צאם מיט Airosmith Development פאר דיזיין און LayerEight פאר קאנסטראקשן און אפעראציע, בויענדיג 144 מיילן פון פייבער און איינפירן פיר פאולס פאר דראטלאזע לינקס און דעקונג. די קאונטי וועט זיין אין אייגנטום און אפערירן איין טייל פון די נייע אינפראסטרוקטור מיט הודסאן וועלי ווייערלעס (Hudson Valley Wireless) סערווירנדיג אלס די אינטערנעט סערוויס פראוויידערס. אין Area 2 נעבן די St. Regis Mohawk טעריטאריע, וועט די קאונטי איבערפירן די אינפראסטרוקטור צו Mohawk Networks וואס וועט ארבעטן פאר די Tribal Council נאך פולע נעטווארק פארענדיגונג און Mohawk Networks וועט זיין די סערוויס פראוויידער אין די געגנט. אין טאטאל, וועל די פראיעקט פארבינדן 1567 לאקאציעס, אריינרעכענענדיג 46 קאמיוניטי אנקער אינסטיטוציעס (Community Anchor Institutions).

- **סוליוועו קאונטי (מיד-האדסאן) - 29.9 מיליאן דאלער:** סוליוועו קאונטי ארבעט צוזאמען מיט Archtop Fiber LLC צו סערווירן איבער 22,000 הייזער און ביזנעסער, נוצנדיג די קאונטי'ס עקזיסטירנדע טורעמס און Archtop'ס פעהיגקייטן אין פייבער אפטיק קאנסטראקשן. סוליוועו קאונטי וועט זיין אין אייגנטום פון די אינפראסטרוקטור, און Archtop Fiber און Hudson Valley Wireless וועלן סערווירן אלס אינטערנעט סערוויס פראוויידערס. די קאונטי וועט בויען 253 מיילן פון פייבער און איין נייע קאמיוניקאציע טורעם, אין צוגאב צו 11 טורעמס וואס זענען שוין אין זייער אייגנטום, פארברייטערנדיג בראודבענד סערוויס צו נישט-סערווירטע און באזייטיגטע לאקאציעס. סוליוועו קאונטי האט אייגנארטיגע שוועריקייטן צוליב איר דארפישע, בערגיגע ערד, נידריגע באפעלקערונג ראטע און סטאטוס, אלס די מערסטע נויטווענדיג פון די זיבן קאונטיס פארגעשטעלט דורך די הודסאן וועלי ראיאנישע קאונסי וואס האבן שוין אפגעהאלטן בראודבענד איינשטעלונג אין די קאונטי. די איניציאטיוו טוישט די טרענד פאר פילע פון די נישט-סערווירטע הייזער אין די קאונטי און שאפט נייע געלעגנהייטן אין העלט, בילדונג און עקאנאמישע וואוילזיין.

- **סיטי און דשעימסטאון / EntryPoint Networks Inc. (וועסטערן ניו יארק) - 29.9 מיליאן דאלאר:** די סיטי און דשעימסטאון שטעלט זיך צאם מיט EntryPoint Networks און Quanta Telecommunication Services צו בויען אן אפענע-צוטריט פייבער נעטווארק צו סערווירן אלע 14,447 הייזער און ביזנעסער סערווירט דורך דורך די דשעימסטאון פאבליק יוטיליטי. די דשעימסטאון באורד פון פאבליק יוטיליטיס וועט זיין אין אייגנטום און אפערירן די אינפראסטרוקטור, און EntryPoint Networks וועט צושטעלן טעלעקאם געצייג און סאפטוועיר און Quanta וועט פירן דיזיין און קאנסטראקשן. די פראיעקט וועט אדרעסירן אלטע זארגן אין די קאמיוניטי איבער בראודבענד פארלעסליכקייט און צוגענגליכקייט. צוזאמען מיטן נידערן קאנסומער קאסטן און פארבעסערן נעטווארק פערפארמענס און פארלעסליכקייט, וועט די נעטווארק פירן עקאנאמישע געלעגנהייטן, פארבעסערן בילדונג רעזולטאטן פאר קינער אין דשעימבטאון, און פארבעסערן העלט קעיר און אלגעמיינע וואוילזיין פאר די גאנצע טאון.

די מוניציפל אינפראסטרוקטור פראגראם איז אינפארמירט דורך ConnectALL'ס סוקסעספולע פילאט פראיעקטן, וועלכע האבן געוויזן די טראנספארמאטיווע פאטענציאל פון פאבליק אייגנטום, אפענע צוטריט פייבער אפטיק נעטווארקס. די נעטווארקס, אויסגעשטעלט פאר באנוץ דורך עטליכע סערוויס פראוויידערס, ברענגען שטארק נויטיגע באנוצער אויסוואל צו באזייטיגטע געגנטער. דורך באהאנדלען בראודבאנד אלס א וויכטיגע געברויך פארזיכערט פאבליק אייגנטומערשאפט אלגעמיינע צוטריט פאר אלע הויזגעזינדער אין באטייליגנדע קאמיוניטיס. די ערשטע 10 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג פון ConnectALL האט פינאנמירט פילאט פראיעקטן אין פיר אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס: די ווילעדזש פון שערבורן (טשענאנגא קאונטי), די טאון פון ניקאלס (טיאגא קאונטי), די טאון פון דיאנא (לעוויס קאונטי) און די טאון פון פיטקעירן (סט. לארענס קאונטי). ווען עס איז פארענדיגט געווארן, האבן די פראיעקטן סוקסעספול פארבינדן איבער 3,000 הויזגעזינדער צו שנעלע אינטערנעט, צושטעלנדיג סערוויסעס פאר ראטעס נידריגער ווי די ראיאנישע דורכשניט.

**סטעיט סענאטאר Shelley B. Mayer (שעלי ב. מייער) האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן צו זען די ווייטערדיגע אינוועסטירונג אין בראודבענד דורך די מוניציפל אינפראסטרוקטור פראגראם. אלס טשיע פון די סענאט בילדונג קאמיטע (Senate Education Committee), ווייס איך ווי וויכטיג בראודבענד צוטריט איז אפר בילדונג און עקאנאמישע געלעגנהייטן. מיר האבן דאס קלאר געזען דורכאויס די COVID פאנדעמיע און מיר האבן געגומען שריט עס צו אדרעסירן. די אנפאנג איז א וויכטיגע שטאפל פון דיגיטאלישע גלייכקייט וועלכע מוז אויך אריינגעמען ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין דיגיטאלישע קענטעניס און דעווייס צוטריט. א דאנק צו גאווארנער Hochul (האקול) און אונזערע פעדעראלע פארטנערס פאר די וויכטיגע אינוועסטירונג און איינפירונג."

**סטעיט סענאטאר Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעז) האט געזאגט,** "צוטירט צו צוגענגליכע, שנעלע אינטערנעט איז וויכטיג פאר יעדע ניו יארקער צו מצליח זיין און לעבן א ווירדיגע לעבן, און די היינטיגע 140 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג וועט פארבינדן איבער 60,000 הייזער און ביזנעסער צו די געלעגנהייטן וואס קומט זיך זיי. איך בין דאנקבאר צו גאווארנער Hochul (האקול) און די ConnectALL מוניציפל אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם אין זייער ארבעט צו מאכן בראודבענד צוטריט א פריאריטעט."

**אסעמבלימעמבער Steve Otis (סטיוו אטיס) האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו גאווארנער Hochul (האקול) און אונזער NYS ConnectALL אפיס פאר די לעצטגיע מעלדונג פון בראודדבענד אינפראסטרוקטור פארברייטערונג פראיעקטן. ConnectALL פינאנצירונג שטיצט די נויטיגע ארבעט פון איינפירן בראודבענד צוטריט צו געגנטער אן די נויטיגע אינפראסטרוקטור. מיר דארפן מאכן זיכער אז יעדע ניו יארקער האט בראודבענד צוטריט, דעווייסעס און טרענירונג צו מאכן וויכטיגע דיגיטאלישע קענטעניס מעגליך פאר יעדעם. די ConnectALL גרענטס העלפן אונז פארמאכן די לעכער וואס בלייבן איבער."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) ConnectAll איניציאטיוו**

גאווארנער Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט די 1 ביליאן דאלאר ConnectALL איניציאטיוו - ניו יארק'ס גרעסטע אינוועסטירונג אין בראודבענד צוטריט - צו פארמאכן ניו יארק'ס דיגיטאלע טיילונג, טראנספארמירן דיגיטאלע אינפרוסטרוקטור און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פארלעסליכע און צוגענגליכע שנעלע בראודבענד אינטערנעט סערוויס. ביז היינט האט ConnectAll איבערגעזעהן די ערפאלגרייכע עפענונג און איינפירונג פון עטליכע פראגראמען צו שטופן פאר אינטערנעט סערוויס צוטריט, אריינרעכענענדיג:

- די דיגיטאלישע גלייכקייט (Digital Equity) פראגראם וועט אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר, אריינגערעכנט א פעדעראלע צוטיילונג פון כאטש 37 מיליאן דאלאר, איינצופירן די ניו יארק סטעיט דיגיטאלע גלייכקייט פלאן צו פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג. די פלאן רעכנט אויס ניויארק'ס סטראטעגיע דורכאויס די סטעיט צו פארמערן איר קאפאציטעט צו פארבעסערן דיגיטאלע קענטעניס און דיגיטאלע ארבעט גרייטקייט פעהיגקייטן, פארגרינגערן צוטריט צו צוגענגליכע אינטערנעט און דעווייסעס, פארבעסערן דיגיטאלע פריוואטקייט און זיכערהייט און מאכן רעגירונג סערוויסעס לייכטער צוצוקומען דורך די אינטערנעט.

- די צוגענגליכע וואוינונג פארבינדונג (Affordable Housing Connectivity) פראגראם צו ברענגען נייע בראודבענד אינפראסטרוקטור צו הייזער אין צוגענגליכע און פאבליק וואוינונגען נוצנדיג א 100 מיליאן פעדעראלע אינוועסטירונג פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט'ס קאפיטל פראיעקטן פאנד. די פראגראם נעמט יעצט אן אפליקאציעס פון אינטערנעט סערוויס פראוויידערס און איסדרוקן פון אינטערעס פון האוזינג אייגנטומער און פובליק האוזינג אויטאריטעטן.

- די ConnectALL איינפירונג פראגראם צו פינאנצירן אינטערנעט סערוויס פראוויידערס צו דערגרייכן נישט סערווירטע און באזייטיגטע לאקאציעס, נוצנדיג א צוטיילונג פון 664.6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פון די בראודבענד עקוויטי, צוטריט און איינפירונג ( Broadband Equity, Access, and Deployment) פראגראם, ווי באשריבן אין די ConnectALL בראודבענדאיינפירונג ערשטע פארשלאג. די פראגראמ'ס פארלאנג פאר אפליקאציעס איז ערווארטעט פאר הערבסט, 2024.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן